בס"ד

שבת מברכים כסלו | ר"ח יום ה'-ו' | המולד ליל חמישי 22:28 | 8 חלק'

שבת מברכים

דער בלעטל

# טיב הקהילה

## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

## חיי שרה

כה חשון תשפ"ג

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:03 |
| מוצש"ק | 5:18 |
| ר"ת | 5:55 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:00 | סוז"ת א' | 9:08 |
| סוזק"ש ב' | 8:45 | סוז"ת ב' | 9:38 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

גליון מס':

ה

## טיב הפרשה

# וואס מיר לערנען ארויס פון דער שידוך פון יצחק מיט רבקה

אין די וואכענדיגע סדרה לערנען מיר איבער די השתלשלות פון דער שידוך צווישן יצחק און רבקה.

אונזערע הייליגע חכמים האבן אונז שוין אויסגעלערנט דעם כלל אז מעשי אבות סימן לבנים, און פון דאס וואס מיר לערנען דא ווי אזוי עס איז געגאנגען דער שידוך פון יצחק און רבקה, קען מען זיך אפלערנען אסאך נקודות איבער דעם נושא פון שידוכים, ווי אזוי א איד דארף צוגיין צו א שידוך.

די ערשטע נקודה לערנט מען אין דער אנהייב פון די סדרה. ווען די תורה דערציילט אונז איבער די פטירה פון שרה אמנו. ווען אזוי זי איז פלוצלונג נפטר געווארן פון די וועלט נאכ'ן הערן די מעשה פון די עקידה, ווי רש"י איז מסביר אויפ'ן ארט.

לכאורה איז שווער, אויב די פטירה פון שרה האט א קשר צו די עקידה וואלט עס געדארפט זיין א חלק פון די פריערדיגע פרשה וועלכע ענדיגט זיך מיט מעשה העקידה?

נאר עס קען זיין, אז דא ליגט באהאלטן א טיפער רמז. די תוה"ק קומט אונז דא אויסצולערנען א שטארקער יסוד אין די נושא פון שידוכים.

דער סדר העולם ווען א מענטש לאזט זיך ארויס צו זוכן א שידוך באטראכט ער דער שידוך אין אסאך וועגן. ער פרעגט זיך נאך פריער ביי אסאך באקאנטע, ער מאכט זייער טיפע בירורים און הערט אסאך מיינונגען אזוי אז דער צוגאנג צו צום שידוך זעהט אויס ווי ווי א צוגאנג צו אן אייביגער געשעפט.

עס איז אמת אז מען דארף צוגיין מיט א געוואלדיגער ישוב הדעת. אבער די תורה וויל אונז דערמאנען אז דער מענטש זאל אויף א רגע נישט פארגעסן אז ער לעבט אויף אייביג, דער סוף פון יעדער מענטש איז אז די וועלט קומט צו אַן ענדע.

אז מען וועט געדענקען די נקודה אז מען לעבט נישט אויף די וועלט אייביג וועט דער צוגאנג צו די שידוך זיין אינגאנצן אנדערש. דער מענטש וועט אנקוקן די זאך מיט אן ערנסטערע בליק און זוכן די חלקים וואס קען אים צוברענגען נענטער צו טון זיין תכלית אויף די וועלט און זוכה זיין צו עולם הבא.

אז דאס וועט זיין דער בליק, וועט דער אויסערליכער אויסזען שפילן א קלענערע ראלע ביי דער מענטש. זיין קאפ און מח וועט זוכן נאך מער איכות, א פרוי וואס וועט אים שטיין צו די רעכטע האנט, עס וועט זיך רעדן פון טון דער רצון הבורא און אויפשטעלן א אידישער שטוב, מיט

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

### - ♦ ואם לא תאבה ♦ -

זיצט זיך א מענטש ביי זיך אין הויז, וואס שטייט ביים ברעג טייך, ווען פלוצלונג באמערקט ער אז דער טייך הייבט אן ארויפצוגיין און פארפלייצן אלעס וואס איז נאר געשטאנען אין וועג. יעדער האט זיך פראבירט צו ראטעווען, אויסער דער מענטש וואס איז געבליבן זיצן רואיג ביי זיך אינדערהיים און געזאגט "איך גלייב אז דער אויבערשטער וועט מיר ראטעווען". אויך ווען די וואסער האט אנגעהויבן פארפלייצן זיין הויז, און ער איז שוין געשטאנען אין די וואסער ביז זיינע לענדן, האט ער נאך אלץ געווארט. פלוצלונג האט ער געהערט ווי מען רופט אים פונדרויסן, זיינע שכנים זענען געזעצן אין א שיפל, און אים איינגעלאדנט זיך צו ראטעווען מיט זיי. ער האט אבער נאך אלץ אפגעזאגט, "איך בין זיכער אז דער אויבערשטער וועט מיר ראטעווען". נו, וואס מיינט איר? ער איז פארפלייצט געווארן צוזאמען מיט זיין הויז, און געענדיגט זיין לעבן..

אברהם אבינו בעט אליעזר אז ער זאל זוכן א ווייב פאר זיין זון יצחק, און ער באטאנט אז זי זאל בשום אופן נישט זיין פון די בנות הכנעני. אבער ווען ער האט אים באשווארן האט ער צוגעלייגט די ווערטער 'וְאִם לֹא תֹאבֶה הָאִשָּׁה לָלֶכֶת אַחֲרֶיךָ וְנִקִּיתָ מִשְּׁבֻעָתִי', דאס מיינט אז ער איז גרייט צו די מעגליכקייט אז עס קען זיין אז עס וועט זיין א מצב וואס איז אנדערש ווי זיין ווילן, און אויב דער אויבערשטער וועט וועלן עס זאל זיין דווקא אזוי, איז ער מבטל זיין אייגענעם ווילן און ער עקשנ'ט זיך נישט צו שטארקן אפילו ער האט א קאלרע אמונה און בטחון, און כאטש ער איז מקיים אלע מצוות בהידור. ער ווייסט אז עס קען זיין אנדערש ווי זיין ווילן, און ער איז מקבל דעם רצון פונעם אויבערשטן.

אמאל ווארטן מיר אויף עפעס, איינער אויף פרנסה, א צווייטער ווארט אויף קינדער און דער דריטער ווארט און קוקט אויס אויף זיין שידוך. פארשטייט זיך אז מען איז מתפלל, מען געבט מער צדקה און מען טוט אלע מעגליכע השתדלות, אבער מיר טארן נישט זיין "פארקנאקט" אויף א געוויסע זאך, ווייל אמאל קומט די ישועה דווקא פון אן אנדער ארט. אזוי ווי די פאלגנדע מעשה: אמאל איז געווען א בחור וואס עס איז אים געגאנגען שווער ביי שידוכים, און ווען מען פלעגט אים פרעגן פארוואס ער האט נאכנישט חתונה, האט ער געענטפערט אז ביי זיך אין קאפ האט ער שוין באשלאסן וואס עס וועלן זיין די מעלות און חסרונות פון זיין באשערטע, און דערווייל האט ער איר נאכנישט געטראפן... ער האט בכלל נישט געוואוסט אז מיט דעם טוט ער צוריקהאלטן און אפשר אפילו דערלייגן זיין באשערטע.

מיר דארפן זיך לערנען פון אברהם אבינו וואס ער איז געווען דער ערשטער און גרעסטער אין אמונה, און מיט דעם אלעם האט ער געוואוסט אז כאטש איך גלייב אז דער אויבערשטער קען מיר געבן דאס וואס איך בעט, אבער פונדעסטוועגן אויב וועט דער אויבערשטער אנדערש וועלן, וועל איך עס אנגעמען בשמחה. דעריבער, זאל מען חלילה נישט אפזאגן א הצעה פון א שידוך אדער פרנסה ווייל "נישט דאס האב איך געזוכט", וויבאלד אמאל קען מען דערלייגן דעם "רעטונגס שיפל" (ספינת הצלה) וואס דער אויבערשטער האט אונז געשיקט.

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

טיב ההודעות

זמנים
אויף קבלת קהל
0534-100024

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רביטביץ | עורך: ש. גולדשטיין

דורות ישרים נאמנים להשם ולתורתו.

נאך א נקודה וואס וועט אים ארויפקומען אויפ'ן געדאנק ווען ער וועט געדענקען אז ער איז דאהי נאר א גאסט און אז איין טאג וועט ער זיך שיידן פון די וועלט, וועט זיין די מידה פון חסד.

עס איז דא אסאך מענטשן וואס ביי זיי איז דער צוגאנג צו די שידוך, וואס קען ער ארויסנעמען פון דער צווייטער. ער זוכט נאר אז עס זאל אים זיין גוט, אז ער זאל די מערסטע געניסן, ארויסנעמען פארדינסט פון דעם שידוך. אויב יעדער טראכט דאס זעלבע, קען זיך דער שידוך אויסלאזן מיט א גרויסער דורכפאל, ווייל יעדער וויל נאר פארדינען פאר זיך און אין דער רגע וואס ער וועט נישט פארדינען וואס ער וויל, וועט ער נישט וועלן דעם שידוך.

אבער אז דער צוגאנג וועט זיין מיט אן ערנסטקייט, אז יעדער וועט זוכן די טובה פון דעם צווייטן, ווי אזוי ער קען טון חסד מיט דעם אנדערן, באקומט דער גאנצער נושא אן אנדער ריכטונג. מען זוכט צו זיין א נותן, איך האב וואס צו געבן ב"ה און איך זוך ווי אזוי עס צו געבן.

נאך א רמז וואס מיר לערנען זיך ארויס פון די סמיכות הענין איז, אז ווען עס באטרעפט א מענטש אן אבידה, זאל ער זיך נישט אפשטעלן און ווערן פארזינקען אין די שוועריגקייט וואס עס האט אים באטראפן. אברהם אבינו האט דא געהאלטן נאך די פטירה פון שרה אמנו, אבער אנשטאט צו ווערן באנומען פון די טרויער און בלייבן דערביטערט האט ער איר מספיד געווען און באוויינט, און גלייך נאך דעם, ווען ער האט געענדיגט איר צו באוויינען, האט ער געלאזט רופן זיין קנעכט אליעזר און אים געהייסן ער זאל זיך ארויסלאזן אין וועג אריין און אויפזוכן א כלה פאר יצחק אבינו.

עס לערנט אונז אויס אז א מענטש זאל אין איעדן מצב טון וואס ער דארף אבער נישט בלייבן שטיין אין די שוועריגקייט וואס ער האט מיטגעמאכט נאר ווייטער צו גיין, צו זיין קומענדיגן.

מען דערציילט אזוי אויפ'ן הייליגן צאנזער רב זי"ע. ווען זיין זון וואס איז אוועק אין די יונגע יארן און דער זון האט איבערגעלאזט א יונגע אלמנה וועלכע איז געווען זייער פארקלעמט פון די פטירה. ווען מען איז אויפגעשטאנען פון די שבעה האט איר דער צאנזער רב געלאזט רופן און איר געזאגט אז זי זאל אנהייבן צו הערן נייע שידוכים. ער האט איר ערקלערט אז א מענטש איז נישט באשאפן געווארן אויף די וועלט צו בלייבן איינגעזיקען אין זיין טרויער, עס פאדערט זיך פון א מענטש ער זאל ווייטער אנגיין.

און דעם זעלבן געדאנק איז דא ביים גאנצן לעבן. דער יצר הרע וויל נאר אז דער מענשט זאל אריינפאלן אין יאוש, ער זאל ווערן איין שטיק מרה שחורה, דאס איז זיין בעסטע וועג ווי אזוי ער קען צוגרונד לייגן א מענטש, דער מענטש דארף זיך שטארקן און אנגיין ווייטער, ער דארף זיך העלפן מיט וואס ער קען נאר צו ארויסקריכן פון די מרה שחורה און טאן ווייטער דער רצון השם.

איך האב געטראכט אז עס קען זיין אז מיר זעען דא נאך א רמז אין דער נושא פון שידוכים. די פרשה פון די שידוכים ווערט געליינט ברציפות. עס איז נישט דא ביי איר קיין שום אפשטעל, א פתוחה אדער א סתומה. נאר עס ווערט געליינט ווי איין לאנגע פרשה.

עס קען זיין אז דאס קומט מרמז זיין פאר'ן מענטש אז ווען עס רעדט זיך א שידוך און דער שידוך זעט אוס גוט זאל ער זיך נישט אויפהאלטן סתם, ווייל אין די צייט קענען זיך אריינרוקן פיל שטערונגען.

ווי גוט איז דער מנהג פון די אידן וואס ווארטן נישט אז די שידוך זאל איבערנעכטיגן איין נאכט, נאר ווען זיי קענען ברעכן טעלער, אפילו עס איז אין די פארטאגס שעה'ן, פארזוימען זיי זיך נישט, נאר טון למעשה. ווייל ווער ווייסט וואספארא עיכוב קען אונטערקומען אז מען וועט ווארטן אויף דער מארגענדיגער טאג.

זאל השי"ת העלפן אז מען זאל זוכה זיין אז יעדער זאל טרעפן זיין באשערטע שידוך און עס זאלן זיך בויען בתים נאמנים להשם ולתורתו אמן.



## טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

דורך די לייענערס

# א 'מנין' ביי רבי שמעון

דער זייגער האט שוין געוויזן אויף א שעה נאך חצות הלילה, ווען מיר זענען אנגעקומען קיין מירון.

איך בין געקומען צוגיין מיט מיין חבר יהודה און ער האט נאך געהאלטן פאר'ן דאווענען מעריב, ער האט געהאפט אז ער וועט דארט טרעפן א מנין אידן צו קענען דאווענען מיט זיי מעריב.

אנקומענדיג אהין האט דער מצב אויסגעזען אביסל פארנעפלט. אויסער אים איז געווען נאך דריי אידן וואס האבן נאך געהאלטן פאר מעריב און די שאנסען אז עס זאל אונטערקומען נאך אידן איז געווען זייער קליין.

יהודה איז שוין געווען אויפ'ן ברעג פון יאוש.

"שוין, אויב עס איז אזוי, וועל איך דאווענען מעריב ביחידות", האט ער געזאגט צו זיך אליין.

ער האט געקווענקלט צי ער זאל אפשר יא ווארטן און אויסשמועסענדיג מיט מיר זיינע ספיקות האב איך אים געזאגט אז אזוי ווי ער פארפעלט קיינמאל נישט קיין מנין האט נישט קיין זין אז דווקא דא, זאל ער פארפעלן צו דאווענען מיט מנין.

"כדאי הוא רבי שמעון לסמוך עליו אז עס וועט זיין א מנין", האב איך אים געגעבן א זאג.

ער האט אנגענומען וואס איך האב געזאגט און געווארט.

פלוצלונג! קומען אריין אין די מערה א גרופע פון לוסטיגע בחורים און זיי זוכן א צענטער אויף מעריב. פארשטייט זיך אז מען האט זיך גלייך געשטעלט דאווענען מעריב און מיין חבר יהודה האט געהאט א מנין.

נאכ'ן דאווענען האבן מיר געהערט פון די גרופע ווי אזוי זיי זענען פלוצלונג אנגעקומען קיין מירון. למעשה זענען זיי געווען אויפ'ן וועג קיין צפת, דערמאנענדיג אז זיי האלטן נאך פאר מעריב, און זיי האבן נישט מיט זיך קיין מנין. נאכ'ן אריבערפארן מירון האט איינער פון די חברים פארגעשלאגן די מעגליכקייט אז אפשר זאל מען ארויפפארן קיין מירון און זוכן א צענטער פאר מעריב.

די גרופע האט מסכים געווען צו געבן א שאנס, און זיי זענען טאקע געקומען צוגיין און גדאווונט דא מעריב.

ווען מיר האבן אויסגערעכנט די גענויע מינוט ווען זיי האבן באשלאסן ארויפצופארן צום ציון און אויפזוכן דארט א מנין, האט זיך אויסגעשטעלט אז עס געווען די גענויע מינוט, ווען איך האב א זאג געגעבן פאר מיין חבר, אז כדאי רבי שמעון לסמוך עליו בשעת הדחק.

רבי שמעון האט ווי געהערט וואס מיר זאגן, און אונז אונטערגעשיקט א מנין אידן.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה ק.א]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה ספואלס אין פקס: 15326517922

• § • § •

# מה׳ יצא הדבר!

## ״ויען לבן ובתואל ויאמרו, מה׳ יצא הדבר, לא נוכל דבר אליך רע או טוב״ (כד, נ)

זאגט די גמרא אין מועד קטן (דף יח ע״ב): אמר רב משום רבי ראובן בן אצטרובילי, רב האט געזאגט אין נאמען פון רבי ראובן בן אצטרובילי, פון די תורה, פון די נביאים און פון די כתובים זעען מיר אז מֵהֹ׳ אִשָּׁה לְאִישׁ. - פון די תורה, ווייל עס שטייט אין פסוק ׳ויען לבן ובתואל, ויאמרו מה׳ יצא הדבר׳. פון די נביאים, ווייל עס שטייט ביי שמשון הגבור (שופטים יד, ד) ׳ואביו ואמו לא ידעו כי מה׳ היא׳. פון די כתובים, ווייל שלמה המלך זאגט (משלי יט, יד) ׳בית והון נחלת אבות, ומה׳ אשה משכלת׳״.

->•<-

די מעשה וואס מיר גייען יעצט דערציילן, האבן מיר געהערט פון הרה״ג רבי משה שיינבערגער שליט״א, וואס ער האט עס געהערט פון הרב הגאון הצדיק רבי יאסל שטעפער זצ״ל, פון די זקני חכמי ירושלים [דער חברותא פונעם באקאנטן גאון רבי שלמה בלאך זצ״ל, תלמיד פונעם חפץ חיים זצוק״ל]. - דערציילנדיג פון זיינע זכרונות פון די בחור׳ישע יארן, איבער איינער פון די גדולי הצדיקים אינעם פריערדיגן דור, אין די פארצייטישע פוילן.

און אזוי גייט די מעשה, לויט וואס מיר האבן געהערט:

ביי איינע פון די באוואוסטע ישיבות אין פוילן, איז א גרויסער צדיק מגדולי הדור, אמאל אנגעקומען אויף א באזוך, און געקומען איז ער גאר פלוצלונג, אן קיין פריערדיגער מעלדונג. די בחורים פון די ישיבה, וועלכע זענען בכלל נישט געווען גרייט אויפן באזוך, זענען געווען פארטיפט אין זייער געוויינליכן שטייגער, אזוי ווי א געוויינליכער ״גרויער״ טאג אינמיטן יאר... אזוי אז ווען דער גדול איז פלוצלונג אנגעקומען אין די ישיבה, האבן זיך די בחורים געדרייט אהין און אהער... פונקט ווי אין יעדע אנדערע ישיבה, איז דער אריינגעגאנגען אין בית המדרש און דער אנדערער איז ארויסגעגאנגען, איינער איז אריבערגעלאפן א מינוט צו זיין שלאף־צימער אין די ישיבה קוואטיר (דארמיטארי), א צווייטער איז אריין אין עס־זאל, דער דריטער איז געגאנגען זוכן א ספר אינעם אוצר הספרים, דער פערטער איז געלאפן א מינוט צום אפיס, אלעס האט געקאכט און געווירבלט, מיט די הונדערטער יונגע און היציגע בחורים׳לעך אין ישיבה.

און אט גייט דער צדיק אריין רואיג אינעם בנין הישיבה, און ווען זיין לעכטיגן געזיכט האט באגעגנט א בחור, דער ערשטער וואס ער האט געזען, האט ער אויסגעשטרעקט זיין האנט צו אים לשלום, און זיך געגומען שמועסן מיט אים ליבליך. דער בחור איז פארשטייט זיך דערציטערט געווארן מקבל פנים צו זיין איינער פון די גדולי הדור, אזוי פלוצלונג אן קיין צוגרייטונג, אנגעטון אינעם חאלאטל... אינמיטן קארידאר פון ישיבה. ער איז באגייסטערט געווארן נאר פון טראכטן, אז הונדערטער מענטשן ווארטן וואכן און חדשים ביז עס קומט  זייער רייע אריינצוגיין בקודש פנימה צום צדיק, און דא איז ער זוכה עס צו באקומען אזוי פון איין סעקונדע אויפן צווייטן, ביז צום טיר ווי מ׳זאגט...

מיט גרויס ליבשאפט האט אים דער גדול מקרב געווען, און נאכן אים פרעגן די געוויינליכע פראגן צו מאכן באקאנטשאפט, וויאזוי הייסטו, פון וועלכע שטעטל קומסטו... האט ער אים געפרעגט מיט אזא פרייליכע שמייכל: ״און לערנען קענסטו עפעס״? ״איך האף אז איך קען אביסל״, האט דער בחור געענטפערט מיט א שעמעוודיג שמייכל, ״אבער איך האב נאך אסאך צו גיין, און די וועג איז נאך לאנג״, האט ער צוגעגעבן מיט איידלקייט.

״לאמיר זען דיינע קענטענישן אין לערנען״, האט דער צדיק באשטימט, און איז געגאנגען מיט אים צום זייטיגן שטילן אוצר־הספרים. ״לאמיר ארויסנעמען עפעס א גמרא פון שאפע, און מען וועט זען וואס דו האסט צו זאגן״? און אזוי רעדנדיג האט דער אדם גדול ארויסגענומען פון שאפע א גמרא, און דער אויבערשטער האט צוגעפירט אז דאס איז געווען א גמרא מסכת פסחים!

״לאמיר עפענען די גמרא, וואו עס וועט זיך נאר עפענען... און מען וועט זען וואס דו קענסט אונז מחדש זיין דארטן אין די סוגיא״... האט דער צדיק געזאגט מיט א לייכטן שמייכל. און אט האט זיך די גמרא געעפנט ביים באקאנטן סוגיא פון ״רבי חנינא סגן הכהנים״ (פסחים דף יד ע״א), באוואוסט אלס איינער פון די קאמפליצירסטע און מערסט געדרייטע סוגיות אין ש״ס...

נו, פרעגט דער רב, וואס האסטו צו זאגן אינעם סוגיא פון רבי חנינא סגן הכהנים? דער בחור האט זיך נישט דערשראקן פונעם שווערן און געדרייטן סוגיא, און האט זיך גלייך גענומען אריינגיין אין די טיפענישן פון די סוגיא, פלעכטנדיג מיט גרויס קלוגשאפט און למדנות, איין קשיא אינעם צווייטן, א תירוץ מיט א ראיה, און אזוי איז ער געווארן א עוקר הרים וטוחנן זו בזו בסברא ישרה, און דאס אלעס מיט אן איידעלן חן און רואיגקייט, דבר דיבור על אופניו, ביז דער געזיכט פונעם רב האט געשיינט פון די שמחה פון די הייליגע תורה וְלוֹמְדֶיהָ.

זייער שמועס האט זיך פארצויגן גאנץ לאנג, כְּדַרְכָּהּ שֶׁל תּוֹרָה, דער פרעגט און דער ענטפערט, ווען דער רב טוט אים די גאנצע צייט אויספארשן צו אים קענען אביסל פון דער נאנט, און מען האט געקענט קלאר זען ווי דער רב ווערט ממש אנציקט פונעם בחור, און נאכמער פון זיין לערנען וואס ליגט ביי אים אזוי מסודר, ממש כמונח בקופסא! נאכדערצו, אז דער בחור האט זיך דאך בכלל נישט צוגעגרייט צו דעם באזוך, און צו דעם פלוצימדיגן פארהער... ער האט דאך נישט געוואוסט אז דער רב וועט קומען צו די ישיבה, און אוודאי נישט אז ער וועט אים דער ערשטער באגעגענען אינעם קארידאר, און פון וואו זאל ער דען וויסן וועלכע מסכתא וועט ארויסגענומען ווערן פון שאפע, און ביי וועלכע סוגיא די גמרא וועט זיך עפענען, און דא זעט דער גדול ווי ער האט אזא שליטה אינעם פארצווייגטן סוגיא, פון אלע זייטן, און ער רעדט מיט אזא קלארקייט און זיסקייט, עס איז ממש מְאִירִים וּשְׂמֵחִים כִּנְתִינָתָן מִסִּינַי!

די גרויסע איבערראשונג איז אבער געקומען, דווקא ביים ענדע פון זייער שמועס, און איז געפאלן אויפן הארץ פונעם בחור ווי א דונער אין העלן טאג... ״ביסטו מסכים צו ווערן מיין איידעם״? האט דער רב געפרעגט, גייענדיג גלייך צום פינטל, אן קיין הקדמות ארום און ארום. דער בחור איז ערשטוינט געווארן, בלייבנדיג אן לשון, ער האט בכלל נישט געטראכט אויף דעם ריכטונג... עס איז אים בכלל נישט איינגעפאלן אז דער געשמאקע למדנ׳ישע שמועס וואס ער האט יעצט געהאט אזוי פלוצלונג, איז נישט אנדערש ווי א פראבע, און דער רב איז דא פשוט געקומען זוכן א חתן פאר זיין טאכטער...

״זיכער בין איך מסכים״, האט דער בחור געענטפערט אויפן ארט, ווען אין הארץ נעמט זיך ביי אים טאנצן, זיך פרייענדיג אויפן געוואלדיגע זכיה. ״עס איז ביי מיר אויך נישט קיין ספק, אז אויך מיינע טייערע עלטערן וועלן צושטימען בלב שלם ובנפש חפצה. ״אויב אזוי״, האט דער רב אויסגעפירט, ״וועלן מיר זיך פארבינדן אין די נאנטע טעג, און זען וויאזוי צו ברענגען די זאך צו אן אויספיר על צד היותר טוב״!!!

דער רב איז ארויסגעגאנגען זייער צופרידן פונעם באגעגעניש, דאנקנדיג דעם אויבערשטן פארן אים צושטעלן א בחור וואס איז אזא תלמיד חכם און למדן, און אויך פון א חשוב׳ע משפחה מיוחסת. ארויסגייענדיג פונעם אוצר הספרים, האט שוין דער ראש ישיבה געווארט אויף אים, אין באגלייטונג פון די מגידי שיעור און אנדערע איינגעשטעלטע אין די ישיבה, מקבל פנים צו זיין דעם חשוב׳ן גדול. ״מיט וואס האבן מיר זוכה געווען צו אזא

המשך אין עמוד ד׳ >

השוב'ע און דערהויבענע באזון, אזוי אינמיטן א געוועגליכן טאג אין יאר", האט דער ראש ישיבה געפרעגט, אינגאנצן באגייסטערט.

דא האט דער צדיק אים אלעס דערציילט, אז ער האט א טאכטער וואס איז שוין געקומען לפרק "האשה מתקדשת", איז ער געקומען צו די ישיבה זיך אויסצוזוכן א פיינעם חתן פאר זיין טאכטער. דער ראש ישיבה איז גלייך געווארן איבערגענומען, און געזאגט: מיר האבן דא ברוך ה' אין ישיבה, ריזיגע עילויים, געוואלדיגע ערשטקלאסיגע בחורים... דערביי האט דער ראש ישיבה גענומען אויסרעכענען נעמען פון די בעסטע בחורים פון די ישיבה, וואס זייער נאמען איז געגאנגען פאר זיי לשם ולתהלה, וואס זענען ראוי און פאסיג אריינצוגיין אינעם הויז פון איינער פון די גדולי הדור!

דעם נאמען פון דער בחור, מיט וועמען דער גדול האט זיך אנגעטראפן, האט דער ראש ישיבה נישט דערמאנט. זעט אויס אז ער איז דאך נישט געווען פון די "גאר שטארקע קנאקעדיגע בחורים"... זייענדיג א שטילער און איידעלער בחור.

אבער, צום גרויס איבערראשונג פון דער ראש ישיבה, האט אים דער גדול דערציילט אז ער האט זיך שוין אויסגעקליבן א בחור פון א חשוב'ע משפחה, וועלכער האט אים זייער געפאָלן, און דערביי האט ער דערמאנט דעם נאמען פון דער בחור.

דער בחור, האט דער ראש ישיבה זיך צושריגן, איז בכלל נישט איינער פון די גרויסע עילויים און למדנים, זיכער איז ער א פיינער בחור, אבער נישט פון די בעסטע... ער איז נישט פון די אויסגעקליבענע בחורים... דאס איז נישט א פאסיגער שידוך פאר א גדול בישראל... מיר האבן דא אין אונזער הייליגע ישיבה, אסאך בחורים וואס זענען היבש מער שטארק ווי ער... שופרא דשופרא ממש!

דער רב איז אביסל צוטומלט געווארן פון דעם שטיקל אינפארמאציע וואס ער האט נאָרוואָס געהערט... "איך האב דאך ארויסגענומען פון שאפע וועלכע גמרא עס זאל נאר זיין, און פונקט איז מען אנגעקומען צו די שווערע און געדרייטע סוגיא פון 'רבי חנינא סגן הכהנים', און דער בחור האט דארט געוויזן א געוואלדיגע ידיעה און למדנות! פארוואס זאלט איר זאגן אז ער איז נישט איינער פון די שטארקסטע בחורים פון ישיבה"? האט זיך דער גדול געוואונדערט.

"איך וועל אייך זאגן דעם אמת", האט דער ראש ישיבה געגעבן צו פארשטיין דעם רב, "פראביר אים נאר אויס אין אן אנדערע סוגיא אין ש"ס, וועט איר אליין זען... פונקט ביי דעם שווערן סוגיא פון "רבי חנינא סגן הכהנים" האט עס אים געכאפט, און כאטש עס איז אזא שווערע און געדרייטע סוגיא, האט זיך בחור באהאפטן צו דעם מיטן גאנצן הארץ, און דערפאר קען ער עס אזוי גוט"...

דער רב האט אבער נישט צוריקגעצויגן, זאגנדיג אז אויב איז עס טאקע אזוי, טוט דאך דער זאך אויסשרייען אז: "מהשם יצא הדבר!!!" ווייל אריינגייענדיג אינעם בנין הישיבה האב איך דאך נישט געוואוסט וועלכער בחור איך וועל צום ערשט טרעפן, און אויב האט מען מיר מן השמים באגעגנט דווקא מיט דעם בחור, און פונקט האט מען ארויסגענומען פון שאפע די גמרא פסחים, וואס האט זיך געעפנט פונקט ביי די שווערע סוגיא פון רבי חנינא סגן הכהנים, וואס פונקט די סוגיא קען דער בחור אזוי גוט, איז דאך דאס דער בעסטער סימן, אז אזוי האט דער אויבערשטער געוואלט!

באותו מעמד האט דער גדול זיי געגעבן צו פארשטיין, אז דער סדר פון מענטשן איז אז ווען מען פרעגט זיך נאך אויף א שידוך, און וויבאלד מען פרעגט אזויפיל מענטשן, איז דאך אבער יעדער איינער אנדערש, אזוי ווי חז"ל זאגן כְּשֵׁם שֶׁאֵין פַּרְצוּפֵיהֶם שָׁוִים כָּךְ אֵין דֵּעוֹתֵיהֶם שָׁווֹת (ברכות דף ח ע"א). יעדער איינער זעט און טראכט אנדערש, איינער זעט מער די מעלה און א צווייטער זעט מער דעם חסרון. עפעס וואס ביי איינעם איז א גרויסע מעלה, זעט עס אבער דער אנדערער פאר א געפערליכער חסרון... אזוי קען אויסקומען, אז אינדערצייט וואס איינער וואלט פארגעשטעלט דעם זעלבן בחור ווי א געוואלדיגער מצוין און בעל מידות, זאגט אויף אים דער אנדערער אז ער איז דער ערגסטער בחור! און מן השמים דרייט מען אמאל ארום מיט השגחה פרטית, אז עס זאל קומען דער ריכטיגער מענטש און רעדן גוט אויפן ריכטיגן שידוך, כידוע.

האט דער גדול אויסגעפירט, אז אויב צוליב דעם בחור האט מען צוגעפירט מן השמים, אז דער הייליגער תנא 'רבי חנינא סגן הכהנים' זאל זיין דער וואס רעדט גוטס אויף אים... איז דאך א סימן אז ער איז ווערד דערצו!! נישט פאר יעדן איינעם געבט מען אזא גוטער עֵד, און אויב איז רבי חנינא סגן הכהנים מיר געקומען אנזאגן די בשורה אויף דעם בחור אז ער איז פאר מיר א גוטער שידוך, וועל איך נישט אפזאגן זיין עדות!!!

דער סוף איז געווען, אז דער בחור איז געווארן איינער פון די גדולי הדור, באשיינענדיג דעם האריזאנט פון די חכמי פולין של מעלה.

האט הרב רבי יוסל שטעפער זצ"ל געזאגט דערויף, אז וויבאלד דער גדול האט זיך געפירט בתמימות אָן קיין חכמות און דריידלעך, אזוי ווי עס שטייט אין די תורה (דברים יח, יג): "תמים תהיה עם ה' אלקיך", און רש"י ערקלערט כָּל מַה שֶּׁיָּבוֹא עָלֶיךָ קַבֵּל בִּתְמִימוּת, וְאָז תִּהְיֶה עִמּוֹ וּלְחֶלְקוֹ, אפילו ווען מען האט אים פראבירט אפרעדן דערפון, האט ער זוכה געווען אריינצוברענגען אין זיין הויז איינער פון די צוקונפטיגע גדולי הדור.

->•<-

פון דעם לערנען מיר זיך אויס, א וויכטיגע לערנונג בנוגע צו שידוכים, וויאזוי דער צדיק איז צוגעגאנגען צום זוכן דעם שידוך, מיט אמונה און בטחון אינעם גרויסן באשעפער, אז ער וועט אים פירן אויפן ריכטיגן וועג. און ווען זיין טאכטער איז אנגעקומען צום פאסיגן עלטער, איז ער אריינגאנצן אין ישיבה, צו טרעפן א גוטער בחור וואס איז אנגעגרייט פאר אים... ער האט נישט געדארפט איבערקערן א וועלט מיט אזויפיל בירורים און פארשונגען, לאנגע וואכן און חדשים... אויך האט ער נישט געדארפט פרעגןביים מלמד וואס האט אים געלערנט דעם א' ב', צי מען האט שוין דעמאלטס געזען ביי אים אז ער גייט זיין אן עילוי... נאר ער איז געגאנגען גלייך צו די ישיבה הקדושה, צו טרעפן א גוטן און פאסיגן בחור, זייענדיג פול מיט אמת'ע און ריינע אמונה אז פון הימל וועט מען אים צופירן צום בחור וואס איז צוגעפאסט פאר אים! ממש אזוי ווי אֱלִיעֶזֶר עֶבֶד אַבְרָהָם בְּשַׁעְתּוֹ!

און דאס איז זיכער, אז וויבאלד ער פון זיין זייט איז צוגעגאנגען דערצו מיט אמונה שלימה און א שטארקע בטחון, האט מען אים, פונקט ווי אליעזר עבד אברהם אין אונזער פרשה, תיכף ומיד צוגעפירט צום שידוך וואס איז געווען פאסיג און אנגעגרייט פאר אים.

[טיב השידוכים מהדו"ד, שער השידוכין פ"ג אות א]


על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

| | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| לע"נ יעקב בנים ישראל | לע"נ מרת הינדל בת משה יוסיהו ובלומה | יוסף בן טילה רחא לרפואה שלימה | האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים | שרה שיינדל בת טילה רחה להצלחה בכל העניינים | לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצב"ה | לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצב"ה | גרפצ'יק טל: 02-5002321 | קשת הרשת 02-6257948 | גל-פן |

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173